## פרשת אחרי א׳ - פסח ט׳ - כ״ב ניסן תשפ״ב לפ״ק

***יום ראשון פרשת אחרי א׳***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין להבחור **חיים דוד** נ״ו בן הר״ר **בערל דייטש** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***יום שני פרשת אחרי א׳***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט״א** אצל השבע ברכות של בן **הרה״ג רבי חיים שלמה אדלער שליט״א**, עב״ג בת **הרה״ג רבי לוי יצחק ראזנער שליט״א**, שהתקיים בבית המדרש דרכי נועם. **רבינו שליט״א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט״א** אצל השבע ברכות של בת הר״ר **יוסף אלי׳ קנאפפלער** הי״ו, עב״ג בן הר״ר **מרדכי לעווי** הי״ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט״א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט״א** אצל השבע ברכות של בת הר״ר **יואל** (בן הר״ר דוד) **קאהאן** הי״ו, עב״ג בן הר״ר **דוד שמחה סימקאוויטש** הי״ו, שהתקיים באולם קראסנא. **רבינו שליט״א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת אחרי א׳***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר״ר **חיים מאיר רובין** הי״ו, שהתקיים בבית המדרש נעימות החיים. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר כך חזר **רבינו שליט״א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הברית של בן הר״ר **שלום אייזען** הי״ו, שהתקיימה בבית המדרש תולדות אברהם יצחק. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר״ר **ישראל וערבער** הי״ו (נכד ש״ב הרב **משה יהודא לעבאוויטש** ז״ל, נכד הרה״ק **מסערדאהעלי זצ״ל**) שהתקיים באולם סעוויל מענאר.

בשעות אחר הצהרים מכר **רבינו שליט״א** את החמץ להגוי. - כעשרים דקות אחר השקיעה הלך **רבינו שליט״א** לשאיבת מים שלנו על יד בית האופה דסאטמאר (בראדוועי). בעת השאיבה אמר **רבינו שליט״א** אותיות הא״ב כמבואר בספר **קב הישר** (פרק צ׳). אחר כך שאבו בני המשפחה ואנשי שלומינו שנוכחו במקום.

*

***ערב שבת – ערב פסח***

בשעת חצות הלך **רבינו שליט״א** לאפיית מצות מצוה בבית האופה דסאטמאר (בראדוועי). אחר **שרבינו שליט״א** נתן המים להקמח לשם מצות מצוה, פתח באמירת הלל בהתעוררות עצומה ובבכי רב. **רבינו שליט״א** המשיך גם בהכנסת המצות לתנור ברגשי קודש.

*

***שבת קודש – יום א׳ דפסח***

אחר קריאת התורה קרא **רבינו שליט״א** השם לבת הנולדה אצל הר״ר **יהודא וויטריאל** הי״ו.

בליל השני זכו מספר בחורי ישיבתנו הק׳ להסב אצל הסדר של **רבינו שליט״א**. **רבינו שליט״א** השמיע לפניהם בתוך הדברי תורה דברי הדרכה והתעוררות (נדפס בגליון דברי תורה).

*

***ערב שבת קודש – שביעי של פסח***

בליל שביעי של פסח ערך **רבינו שליט״א** את השלחן בבית מדרשנו. אחר שזימרו ניגונים לכבוד החג ולכבוד שבת השמיע **רבינו שליט״א** דברי תורה בענין ניסי קריעת ים סוף. אחר כך אמר **רבינו שליט״א** שירת הים פסוק בפסוק, ובסיום השירה רקדו כל הקהל ניגוני שמחה לכבוד היום. אחר ברכת המזון עברו קהל אנ״ש לקבל מצה (ביזת הים) מאת **רבינו שליט״א**.

*

***שבת קודש – אחרון של פסח***

בשעות הערב נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודה שלישית ונעילת החג. אחר שזימרו ניגוני סעודה שלישית, המשיכו לזמר כל סדר ההגדה, ואחר כך ניגוני התעוררות ודביקות.

**רבינו שליט"א** השמיע דברות קודש בגודל השראת השכינה ששורה בימי הפסח, ולהתעצם באמונה שלימה להרגיש בכל מאורע ומצב כי מאת ה' היתה זאת, מקור הטוב והחסד, ולקבל הכל בשמחה.

***וזה תוכן סיום הדברים:***

**דער** יום טוב פון פסח איז א חג האמונה, דאס איז דער שפיץ וואס אונז נעם מיר מיט פונעם יום טוב. דער יום טוב איז, צו געדענקען די נסים וואס דער אייבערשטער האט געטון פאר יודען, ווען מיר זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים. עס איז א שבח והודאה פארן אייבערשטען, ואילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים, הרי אנו ובנינו משועבדים היינו לפרעה. אבער דער גאנצער תכלית פון די נסים איז, אז אונז זאל מיר מכיר זיין, אז עס איז דא א בורא עולם! א מענטש קען זיך אמאל דאכטן אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און עזב ה' את עולמו, עס איז נישט דא קיין השגחה, עס פאסירט מיר זאכן אזוי און אזוי, ווייל עס איז נישט דא ווער עס קוקט זיך אום אויף מיר. ער איז פארווארפן פונעם אייבערשטען, דער באשעפער איז נישט משגיח אויף די וועלט, און וועגן דעם פאסירט אז צדיק וטוב לו, צדיק ורע לו, רשע וטוב לו, מען געפונט שוין אין חז"ל די אלע ענינים.

**אבער** די נסים וואס דער אייבערשטער האט געוויזן פאר יודען לערנט אונז, אז דער אייבערשטער קוקט זיך אים אויף די וועלט. ער האט נישט איבערגעגעבן די וועלט פאר קיין שומרים, נאר דער אייבערשטער אליין זעהט אלעס. ווי דער הייליגער **רמב"ן** (סוף פרשת בא) זאגט, אז דער אייבערשטער איז משגיח, ויכול, ער קען טון וואס ער וויל, ויודע, און ער ווייסט וואס עס פאסירט אויף די וועלט. און וועגן דעם האט ער אונז געגעבן די מצוה פון פסח, זיך אליין מתעצם צו זיין אין אמונה, און איבערצוגעבן פאר אונזערע קינדער, למען תספר באזני בנך ובן בנך, איבערצוגעבן פאר אונזערע דורות, אמונת אלקי עולם. אבער דער עיקר איז קודם פאר זיך. מען קען נישט איבערגעבן פאר אנדערע, א זאך וואס ביי זיך אליין איז מען נישט דערהויבן דערמיט.

**ושמרת** את החוקה הזאת למועדה, מימים ימימה (שמות יג-י), מען דארף מיטנעמען מיט זיך די אמונה וואס א יוד האט זיך קונה געווען, אויף א גאנץ יאר. מען איז געזעסן א גאנץ פסח, אנגעהויבן פון די נאכט פונעם סדר, און נאר געטראכט פונעם רבונו של עולם, ווי אזוי דער אייבערשטער פירט די וועלט, ווי אזוי דער אייבערשטער איז מנהיג את העולם, וואס פאר א נסים ער האט געטון פאר יודען. און מען האט אריינגעבאקן אין זיך דעם נאנטקייט צום אייבערשטען, דאס דארף מען מיטנעמען, אז דער אייבערשטער האט אונז נישט פארלאזט, יעדער יוד האט אן השגחה פרטית, דער אייבערשטער קוקט זיך אום אויף יעדן מענטש, אויף אלע זיינע צרכים. און וואס דער אייבערשטער גיט, דאס איז גוט, און וואס דער אייבערשטער גיט נישט, איז א סימן אז דו דארפסט עס נישט האבן.

**א** מענטש איז רואיג, ווען ער ווייסט אז זיין טאטע און מאמע שטייען דארט. ער ווייסט אז דער טאטע און די מאמע וועלן אים צושטעלן אלעס וואס ער דארף האבן. א מענטש וואס גלייבט באמת, אז דער רבונו של עולם שטייט נעבן אים, און זעהט אלעס וואס גייט ביי אים פאר, און וואס ער האט, באקומט ער פונעם אייבערשטען, און וואס ער האט נישט, זאגט דער טאטע אז עס איז נישט גוט פאר דיר, איך געב עס נישט פאר דיר. פאר דיר איז בעסער אז דו האסט עס נישט. דער לעבט א רואיג לעבן, ער האט נישט מורא פון א צווייטען, אין אדם נוגע במוכן לחבירו (יומא לח:), ער קריגט זיך נישט מיט קיינעם, קיינער קען אים גארנישט צונעמען, קיינער קען מיר גארנישט צוגעבן, און אלעס איז ער מקבל מיט א שמחה. דאס איז דער יום טוב פון פסח, דאס דארף מען מיטנעמען מיט זיך אויף א גאנץ יאר שפעטער.

**ווען** א מענטש לעבט מיט אמונה, איז ער שטענדיג פרייליך, ער איז שטענדיג בשמחה, ווייל עס פעלט אים גארנישט. פארוואס איז א מענטש נישט בשמחה? ווייל עס קוועטשט אים עפעס. פארוואס קוועטשט אים? ווייל עס פעלט אים דאס און דאס. ווען ער ווייסט אבער, אז דער אייבערשטער גיט אים אלעס, און אז דער אייבערשטער האט נישט געגעבן,

איז א סימן אז דאס איז זיין טובה, א טובה קוועטשט נישט, איז מען מקבל אלעס בשמחה. עס פעלט אונז נאר די אמת'דיגע הארה פון אמונה, עס זאל שטיין ביי אונז פאר די אויגן, אז אלעס איז פונעם אייבערשטען, דאס פעלט ביי אונז, עס איז נישט בשלימות. ווען ער האט עס, איז ער שטענדיג גוט אויפגעלייגט, און עס טוט אים גארנישט וויי.

**די** וועלט זאגט נאך אויפן הייליגן **רבי ר' זושא זי"ע**, אז א יוד האט אמאל געפרעגט דעם **מגיד**, אז די משנה (ברכות ס:) זאגט, חייב אדם לברך על הרעה, כשם שמברך על הטובה, ווי איז דאס מעגליך אז א מענטש זאל מברך זיין על הרעה? האט ער געהייסן ער זאל פרעגן דעם רבי ר' זושא. איז ער געגאנגען און ער האט געזאגט, אז דער רבי האט געזאגט, ער זאל אים מסביר זיין דעם חייב אדם לברך על הרעה. האט דער הייליגער רבי ר' זושא געזאגט, עס איז מיר א חידוש אז דער רבי האט געשיקט צו מיר פרעגן אזא שאלה, איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געהאט קיין רעה, אז איך זאל דיר קענען מסביר זיין דעם חייב אדם לברך על הרעה! דאס איז טייטש, אז זיין אמונה איז געווען אזוי גרויס, אז עס איז נישט דא קיין רעה, עס איז נישט דא קיין זאך וואס איז שלעכט. די ערגסטע זאך איז גוט. אז דער אייבערשטער האט עס געגעבן, איז מאתו לא תצא הרעות (איכה ג-לח), פונעם אייבערשטען קומט נישט ארויס קיין שלעכטס. וואס דו האסט, אין וואס פארא מצב דו ביסט, גלייב אז עס איז לטובה, עס איז פון אייבערשטען, דעמאלטס איז א מענטש פריילין.

**ביי** פסח האט מען נישט געדארפט געבן קיין מצוה פון שמחה, ווייל די שמחה קומט פון זיך אליין. דער יום טוב פון פסח, איז אמונה. דער יום טוב פון פסח איז, צו זיין דבוק אינעם אייבערשטען, און טראכטן אז עס איז דא א בורא עולם, און דער אייבערשטער טוט פאר א מענטש אלעס וואס ער דארף צו האבן. דארף מען נישט מצווה זיין, זיי פריילין, ער איז ממילא פריילין! די אנדערע ימים טובים, וואס מען איז שוין אפגערוקט פון יציאת מצרים, און אסאך מאל איז דא, וואס די אמונה לייכט נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, דארף מען אים מצווה זיין, איינמאל שמחה, צוויי מאל שמחה, דריי מאל שמחה. פסח האט די תורה אונז געוואלט ווייזן, ווען דו ווערסט זיך מתעצם זיין אין דעם יום טוב פון פסח, דארף איך דיך נישט מצווה זיין אויף קיין שמחה, ווייל דאס איז די שמחה אליין. די אמונה וואס א יוד האט, איז משמח דעם מענטש, און מען דארף אים נישט מצווה זיין עקסטער אויף שמחה.

**און** כל שכן ווען עס קומט שביעי של פסח, וואס ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל, דעמאלטס האט דער פשוט'סטער יוד געזעהן דעם אייבערשטען, אז דער אייבערשטער געפונט זיך נעבן אים. עס איז געווען זה קלי (שמות טו-ב), ער האט געקענט אנווייזן מיטן פינגער אויפן אייבערשטען. אין אזא צייט ווען מען האט געהאט דעם קריעת ים סוף, איז די אמונה ביי א יוד געווען אפן, אז עס איז נישט געווען וואס מען דארף אים פארציילן, און ער דארף זיך מתעצם זיין כדי עס זאל לייכטן ביי אים דער אמונת ה'. מען האט עס געזעהן מיט די פינגער, זה קלי ואנוהו, עס איז געשטאנען פאר זיינע אויגן.

**און** לויט ווי א מענטש איז זיך מתעצם אין די אמונה, לויט דעם איז ער מקבל אלעס מיט א גרינגקייט. קשה מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף (סוטה ב.). די שווועריקייטן אין די מזונותיו של אדם איז, ווי אזוי זיין קריעת ים סוף קוקט אויס. אויב ביי אים לייכט דער קריעת ים סוף, איז ביי אים נישט דא דער קשה מזונותיו. אויב עס לייכט נישט ביי אים דער קריעת ים סוף, דעמאלטס איז ביי אים קשה מזונותיו של אדם, דעמאלטס פעלט אים דעם צופרידענהייט וואס ער דארף האבן. 'קשה מזונותיו של אדם', די שוועריקייט ביי א מענטש וואס ער האט אין זיינע מזונות, ווענדט זיך אין 'קריעת ים סוף', ווי אזוי דיין קריעת ים סוף איז. אויב דיין קריעת ים סוף לייכט ביי דיר, זה קלי, דו האסט אייביג דעם באשעפער פאר דיינע אויגן, דעמאלטס איז נישט דא קיין קשה מזונותיו של אדם.

**קשה** זיווגו של אדם כקריעת ים סוף. אויב עס מאכט זיך אין זיווגו של אדם ביז ער טרעפט זיין זיווג, און ווען ער האט שוין זיין זיווג, מאכט זיך שוועריקייטן אינעם זיווג, די שוועריקייט ווענדט זיך ווי אזוי דיין קריעת ים סוף איז. אויב דער קריעת ים סוף ווען דו גייסט ארויס פונעם פסח, נעמסטו מיט זיך דעם קריעת ים סוף, דו נעמסט מיט דיר די

אמונה וואס דער פסח האט אריינגעברענגט אין דיר, דעמאלטס וועט ניסט זיין קיין קשה מזונותיו, און נישט קיין קשה זיווגו, אלעס איז ער מקבל מיט א ליבשאפט פונעם אייבערשטען.

**און** דאס איז דער יום טוב פון פסח, וואס בראש כל מועדות נשאת פסח. מען גייט אוועק פונעם יום טוב, מען געזעגנט זיך נישט פונעם יום טוב, מען נעמט מיט דעם יום טוב מיט זיך. צדיקים האבן געזאגט, עס איז נעילת החג, מען שפארט איין דעם יום טוב, און מען נעמט עס מיט, מיט זיך, אויפן גאנצן יאר שפעטער. **ווען א מענטש לעבט אין דעם, ווען די אמונה לייכט ביי אים, האט ער א רואיג לעבן. ער שטערט זיך נישט פון דאוועגען, ווען ער דארף לויפן פאר פרנסה. דער אייבערשטער גיט מיר מיין פרנסה. ווייל איך וועל טון זיין רצון, איך וועל דאווענען, וועגן דעם וועל איך נישט האבן ווייניגער.** בעפאר יעדע מצוה וואס ער טוט, גרייט ער זיך צו, ווי עס דארף צו זיין, איך גיי דאך שטיין יעצט לפני מלך מלכי המלכים, איז זיין דאווענען אנדערש. און אזוי גרייט ער זיך צו, צו זיין לערנען, און צו אלע מצוות וואס ער טוט, אלעס ווערט געטון אויף אן אנדערן אופן אינגאנצען, ווען עס לייכט ביי אים דער פסח.

**און** דאס דארפן מיר מיטנעמען, דעם חסל סידור פסח כהלכתו, ככל משפטו וחקתו. כאשר זכינו לסדר אותו, כן נזכה לעשותו, אזוי ווי מיר האבן מסדר געווען דעם פסח, איז נישט גענוג וואס אונז האב מיר מסדר געווען דעם יום טוב אליין, עס דארף זיין מה יפו פעמיך בנעלים, ווען מען טוט שוין אן די שיך, און מען גייט שוין אוועק פונעם קודש, זאל מען קענען מיטנעמען מיט זיך דעם קודש.

**עס** קומט א לאנגער זומער, מען דארף זיך מאכן א סדר תיכף יעצט אין אנהייב, ווען דער פסח גייט אוועק. אפילו מען האט געהאט א התרשלות פון לימוד התורה, צוריק אנהייבן צו לערנען תורה. מען האט פריער גערעדט, אז דער יום טוב פון פסח איז, אז אפילו מען געפונט זיך אין די מ"ט שערי טומאה, האט דער יום טוב דערהויבן דעם מענטש, אז ער קען אנהייבן פון ניי צו דינען דעם אייבערשטען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אונז זאל מיר קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. דער אייבערשטער זאל געבן אלע השפעות פונעם יום טוב, קשה מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף, זיווגו של אדם איז כקריעת ים סוף, די אלע זאכן האבן זיך געשפאלטן ביי דעם ים, דער באשעפער זאל צושיקן פרנסה בהרחבה פאר יעדן יודיש קינד. אך אשר יאכל לכל נפש, הוא לבדו יעשה לכם, שטייט ביי שביעי של פסח (שמות יב-טז), ווייל דעמאלטס ווערט נשפע מזונות. די זעלבע איז זיווגו של אדם וואס איז כקריעת ים סוף, דער באשעפער זאל העלפן פאר אלע יודישע קינדער זאלן טרעפן זייער זיווג בקרוב. אונז אלע זאל דער אייבערשטער בענטשן, מיט בני חיי ומזוני. דער באשעפער זאל אונז געבן, אז דאס וואס דער טאטע האט אריינגעלייגט אמונה אין זיינע קינדער, למען תספר באזני בנך ובן בנך, עס זאל לייכטן אין די קינדער די ווערטער וואס מען האט געהערט, אין משך פונעם גאנצן יאר. עס זאל זיין ושמרת את החוקה הזאת למועדה, מימים ימימה, מיטנעמען אויף א גאנץ יאר, אלעס וואס מען האט זוכה געווען אין פסח. בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל (ראש השנה יא.), ווילאנג אונז שטיי מיר נאך אינעם ניסן, האבן מיר נאך אלץ די האפענונג, מיר זענען מצפה אז דער אייבערשטער וועט אונז בקרוב אויסלייזן. זאל מען זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר ברכת המזון עברו המוני אנ"ש לקבל מצה מאת **רבינו שליט"א**.

*

***<u>יום ראשון פרשת אחרי ב'</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **אליהו** נ"ו בן הר"ר **ישראל חיים מארטאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הרב **משה יחזקאל שרגא גאלדענבערג** ז"ל (בעמח"ס שם יחזקאל ועוד).

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו שליט"א** התעניין על עריכת והדפסת ספר **יפה תואר** על המדרש, עם ביאורים והוספות של הנפטר

ז"ל, ושאר חלקי ספרו **שם יחזקאל** עה"ת, ואמר: דער טאטע האט גענוצט זיינע ספרים, און ער האט ארויסגעגעבן אסאך אלטע ספרים.

**הרה"ג רימ"מ שליט"א:** ער שרייבט אין די הקדמה אויפן שם יחזקאל, אז ער האט ארויסגעגעבן קרוב צו דריי טויזענט ספרים [ספרים עתיקים מגאונים קדמונים].

**רבינו:** ער האט געהאט א גוטן קאפ, ער האט שנעל תופס געווען א זאך, ער האט געקענט איבערזאל, און ער האט געוואוסט איבערזאל. [**רבינו שליט"א** עבר על נוסח המצבה, וציוה להוסיף תוארים לפי כבודו הראוי].

**בנו הר"ר מאיר זאב:** איך בין געווען מיט אים אין שפיטאל פאר ער איז אוועק, האט ער מיר געזאגט, מאיר זאב, אויב דאס איז מיר באשערט, איך נעם עס אן. אבער אויף די משפחה... און אויף דריי ספרים האט ער זיך געזארגט, וואס וועט זיין מיט מיין ספר, און וואס וועט זיין מיט מיין רבינ'ס ספר [**עזר מיהודה**], און וואס וועט זיין מיטן **יפה תואר**. עס האט אים זייער געבאדערט.

**בנו הר"ר דוד ארי':** ער האט מיר אמאל געזאגט, אז די רב האט אים געזאגט פורים אפאר יאר צוריק, איך האב דיך ליב אהבת נפש.

**רבינו:** עס איז נישט קיין ליגענט... ווען עס פלעגט אים איינפאלן א שיינע זאך, פלעגט ער מיך אלץ צו רופן אויפן טעלעפאן איבערצוגעבן. ער פלעגט אריינקומען אסאך מאל. ער האט פלייסיג געלערנט, גאנצעטע נעכט איז ער געזעצן און געשריבן. ווען ער האט געטראפן א שיינע זאך, און ער האט עס אויסגעארבעט, האט ער תיכף אויפגעהויבן א טעלעפאן, אז איך האב יעצט א דבר חידוש. ער האט געהאט א שמחת התורה, פיקודי ה' ישרים משמחי לב.

**הר"ר מאיר זאב:** ער פלעגט זיך אסאך מאל חידוש'ן אויף זיך, ווי אזוי האב איך געקענט אויפטון אזא זאך... ער פלעגט לערנען און שרייבן חידושי תורה ביז דריי אזייגער ביינאכט און שפעטער.

**רבינו:** נאך וועם האט ער געהייסן.

**הר"ר דוד ארי':** 'משה' האט ער געהייסן נאכן **ישמח משה**, און 'יחזקאל שרגא' נאך **רבי יחזקאל שרגא שעהנפעלד** פון מיהאליפאלווא. דער **סאטמארער רב זי"ע** האט געהייסן צוגעבן דעם נאמען נאכן ישמח משה. - יענעם ווינטער ווען ער איז געבוירן, האט דער רבי נישט אנגענומען קיין סנדקאות. ער האט געהאט א שווערע רויז, און ער איז נישט געגאנגען אין מקוה, האט ער נישט אנגענומען קיין סנדקאות. ווען מיין טאטע איז געבוירן, האט מיין זיידע מכבד געווען דעם רבי'ן. האט דער רבי געזאגט, אז לכבוד רבי אברהם חיים דארף מען זיך אנשטרענגען און גיין אין מקוה, און ער האט נאכדעם אנגענומען אנדערע ברית'ן אויך. ביי די ברכות ביים ברית האט דער רבי זייער געוויינט, און רבי עזריאל האט געזאגט פאר מיין זיידען, אז עס גייט עפעס אויסוואקסען פון דעם קינד, אז דער רבי וויינט אזוי. מיין טאטע פלעגט זאגן, אז אזוי ווי דער רבי האט נישט געהאט קיין ברית'ן פאר דעם, איז ער געווען אזוי מרוגש. - עס קען זיין א דריטער פשט, אז ער האט געזעהן די מצב דא...

**רבינו:** אלע טעמים זענען אמת... א שאד, א שאד. מען דארף זעהן צוצוענדיגען זיין ארבעט, זיך צואיילען און ארויסגעבן וואס עס איז דא. ער האט פיין געשריבען, און צוגעשטעלט די מראי מקומות, מען דארף עס מסדר זיין, עס טאר נישט פארבלייבען. ער האט געמאכט זייער א פיינעם מפתח אויף זיין ספר, איך נוץ עס אסאך מאל, ער צייכענט צו פונקטליך וואו א זאך שטייט.

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **שלום** ואחיו הר"ר **ישראל** **וויינגארטען** הי"ו, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**הר"ר ישראל:** מיין טאטע ז"ל האט געלערנט אין גאלאנטא איין זמן, ווינטער תש"א. פסח תש"א האט מען פארמאכט די ישיבה אין גאלאנטא, און ער איז געפארן לערנען אין פאפא דריי יאר. אזוי האב איך פארשטאנען פון מיין טאטע. מיין טאטע האט געהאט א אינטערעסאנטע מעשה ווען ער איז אנגעקומען קיין גאלאנטא. מיין טאטע האט באמת נישט געוואלט גיין לערנען קיין גאלאנטא, ווייל אין גאלאנטא זענען געווען פארשידענע מיני בחורים, עס זענען געווען בחורים מיט בערד, און אן בערד, און עס זענען געווען אפילו אזעלכע וואס האבן געלערנט אויף אונגאריש. און מיין טאטע האט געוואלט לערנען אין א חסידישע ישיבה. ער האט געהאט א עלטער פעטער וואס איז געווען א משפחה מיטן **גאלאנטער רב זצ"ל**, און ער האט צוגערעדט זיין טאטן אז ער זאל אים שיקן אויף

גאלאנטא. נאך סוכות איז זיין פעטער מיטגעפארן מיט אים קיין גאלאנטא, פארשלאגן פאר גאלאנטער רב אז ער וויל אים אריינשיקן אין ישיבה. ווען מיין טאטע איז אנגעקומען, איז דער פעטער צוגעגאנגען צום גאלאנטער רב, און מיין טאטע איז געשטאנען ביים עק פון טיש. עס איז געווען דארט אויפן טיש א חומש בראשית, און מיין טאטע האט געטראכט אז עס שטייט דאך פונעם גורל הגר"א, אז מען עפענט א חומש, און מען זעהט וואס פאר א פסוק עס שטייט. און ער האט געגעבן א מאך אויף דעם חומש, און דער פסוק וואס ער האט געזעהן איז געווען, אין זה כי אם בית אלקים, וזה שער השמים (בראשית כח-יז). ער האט געכאפט אזא ציטער, און ער האט שוין נישט געפרעגט קיין קשיות, און ער איז געבליבן דארט לערנען.

**רבינו:** דו האסט געזאגט, אז עס זענען געווען בחורים וואס האבן געלערנט אין אונגאריש. **מיין טאטע זכרונו לברכה** האט אויך געלערנט אין גאלאנטא, מיט אסאך יארן פריער, א ווינטער מיט א זומער. ווינטער תרפ"ד און זומער תרפ"ו, ער איז געווען פערצען יאר ווען ער האט געלערנט דארט. און ער פלעגט צו דערציילען, אז פרייטאג צו נאכטס, האט דער גאלאנטער רב געמאכט קידוש אויף איין זייט פונעם טיש, און דער סינ"ק איז געווען אויף יענער זייט, און ער האט זיך געדארפט אויפהייבן נאך קידוש, אהינגיין זיך וואשען די הענט. נאכדעם וואס ער האט געמאכט קידוש, אויפן וועג ווען ער איז אדורכגעגאנגען, האט ער געהערט, ווי צוויי בחורים רעדן צווישן זיך אונגאריש. האט ער זיך אויסגעדרייט, און צוזאמגעקלאפט די הענט, און געזאגט: שבת קודש זאל מען רעדן אונגאריש?! די צונג וואלט מען געדארפט אויסשניידן, ווי איידער צו רעדן אונגאריש אין שבת!

**הר"ר ישראל:** דער טאטע פלעגט אונז אויך זאגען, אז שבת זאל מען רעדן יודיש. ער האט זייער מקפיד געווען, אז אונז זאל מיר רעדן יודיש אין שטוב. און ער פלעגט צו זאגען, אז זיין טאטע, ער האט דאך געוואוינט אין מישקאלץ, און עס איז געווען מער נפרץ אז מען זאל רעדן אונגאריש, האט דער טאטע מקפיד געווען, אפילו ביי די מיידלעך, אז שבת זאל מען רעדן נאר יודיש. זיין טאטע איז געווען א אונסדארפער תלמיד.

**רבינו:** דער גאלאנטער רב איז אויך געווען א אונסדארפער תלמיד.

**הר"ר ישראל:** מיין טאטע איז אריין אין פאפא, דעמאלטס ווען דער **פאפא רב זצ"ל** איז געווארן רב אין פאפא. ב' אדר איז דער **ויגד יעקב** אוועק, און דעמאלטס איז מיין טאטע געקומען לערנען קיין פאפא. מיין טאטע האט געזאגט, אז דעם ערשטן זמן האט דער פאפא רב נאכנישט געוואוינט אין פאפא מיט די משפחה, די משפחה איז נאך געווען אין סאטמאר, אויף ראש השנה איז די משפחה געקומען. די לעצטע דריי יאר, ביז פורים תש"ד, האט מיין טאטע געלערנט אין פאפא. פסח איז ער אהיימגעגאנגען, און נאכדעם איז שוין נישט געווען די ישיבה.

ער האט געלערנט דארט בחברותא מיטן **וויזשניצער רבי** (בעל **תורת מרדכי זצ"ל**). זיי האבן אדורכגעלערנט צוזאמען האלב ש"ס. פאר מיין בר מצוה האט מיין טאטע מיך גענומען צום וויזשניצער רבי ער זאל מיך בענטשען. איך געדענק ווען מיין טאטע איז אריינגעקומען, האט זיך דער וויזניצער רבי אויפגעשטעלט, און ער איז צוגעלאפן צו מיין טאטע, און ער האט אים ארומגעהאלזט, אברמע'לע, געדענקסט נאך?!

ווען מען האט זיך אוועקגעזעגנט, האט מיין טאטע אים געזאגט, אז איך הייס 'ישראל' נאכן **אהבת ישראל**. האט ער געוואלט הערן ווי אזוי קומט עס. האט אים מיין טאטע פארציילט, אז איך בין געבוירן סיון תשכ"ז, ווען עס איז געווען די זעקס טאג מלחמה. ווען איך בין געבוירן האט מיין טאטע נישט געוואוסט וועלכע נאמען צו געבן. ער האט שוין געהאט געגעבן א נאמען נאך זיין טאטע, און נאך דעם אנדערן זיידע, און ער האט נישט געוואוסט וועלכע נאמען מיר צו געבן. איין נאכט פארן ברית האט זיך מיין טאטע גע'חלומ'ט אז ער זאל געבן א נאמען 'ישראל'. אינמיטן די חלום האט ער זיך אליין געפרעגט, נאך וועם זאל איך געבן א נאמען. האט ער געטראכט, דער בעל שם טוב האט געהייסען ישראל, און דער רוזינער האט געהייסען ישראל, און מיט דעם האט ער זיך אויפגעוועקט.

צופרי האט ער געטראכט ביי זיך, עס איז נישט קיין ראיה, עס איז נאר א חלום, אפשר ווייל מען רעדט א גאנצע טאג וועגן ארץ ישראל, און וואס מען טראכט בייטאג, חלומ'ט מען ביינאכט. עס איז נישט קיין ראיה אז דער חלום איז אמת. דער פאפא רב זצ"ל איז געווען מיין מוהל און סנדק. און מיין טאטע איז אים געגאנגען אויפפיקן פארן ברית צו באקוקן דאס

קינד פארן ברית. מיין טאטע האט דעמאלטס געוואוינט אין די בראנקס. אויפן וועג האט אים מיין טאטע דערציילט דעם חלום, ער האט אים נישט פארציילט די חששות. און דער פאפא רב האט אים נישט געענטפערט אויפן פלאץ. אויפן וועג צוריק, אויפן וויליאמסבורגער בריק, האט זיך דער פאפא רב געגעבן א רוף אן, דו האסט געקענט דעם **אהבת ישראל**? האט אים מיין טאטע דערציילט, אז ווען ער איז געווען א יונגעל פון זעקס יאר אלט, איז דער אהבת ישראל געווען אין מישקאלץ, און מיין טאטע ז"ל האט מיך גענומען פאר א ברכה. זאגט דער פאפא רב, אויב אזוי, גיב א נאמען נאך אים.

**הר"ר שלום:** מיין טאטע האט פארציילט, אז ווען דער אהבת ישראל איז געקומען קיין מישקאלץ, איז מיין זיידע געגאנגען מיט א קוויטל צום אהבת ישראל. שטייענדיג אויפן שורה, האט מיין זיידע געזאגט, אז בשעת מען גייט אריין צו א רבי, אפילו מען איז א חסיד פון א צווייטען רבי, אבער בשעת מען גייט אריין צו 'דעם' רבי, איז מען זיך מכניע אז יעצט זענען מיר א חסיד פון דעם רבי. ווען ער איז צוגעקומען צום אהבת ישראל, האט זיך דער אהבת ישראל אנגערופן, יא יא, אל יהרהר אחר רבו (סנהדרין קי.). אל יהרהר, ווען מען קומט אריין צו איין רבי, טאר מען נישט טראכטען, אחר רבו, אז א צווייטער איז זיין רבי.

**רבינו:** מען זאגט נאך פון איינע פון די צדיקים, אז עס איז געווען א חסיד וואס איז געקומען אויף שבת. און ער האט מהרהר געווען, יא רבי, נישט רבי. און דער צדיק האט מרגיש געווען, האט ער געזאגט, לא יהרהר אחר רבו, מען זאל נישט טראכטען אויפן רבי. האט דער חסיד געטראכט ביי זיך, ווער זאגט אז דער רבי מיינט מיך, אפשר מיינט ער א צווייטען. האט זיך דער צדיק אנגערופן, אל יהרהר, ער זאל נישט טראכטען, אחר רבו, אז דער רבי מיינט אן אנדערן.

*

***יום שני פרשת אחרי ב'***

בשעות הצהרים התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מנחה בבית המדרש סאמבאטהעלי. אחר כך נסע לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.

*

***שבת קודש פרשת אחרי ב'***

התפלות וסעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** בבית האכסניא, בבית ידידנו הרבני הנגיד הר"ר **שלמה צבי שפיץ** הי"ו. בברכת המזון נתכבד הר"ר **מענדל שווימער** הי"ו.